דעם 26סטן אויגוסט 1967

ליבער כאסקל,

עס ווייזט זיך ארויס אז דו ביסט שטארקער פאר מיר (אדער מער
פארעקשנט, אדער פוילער). איך מוז זיך טיילן מיט דיר אבער דו...

איבערלעבונגען אן א שיר. געווען נאך א מאל ביי סוצקעווערן
און פארבראכט ביי אים א טאג וואס וועט זיך לייכט ניט פארגעסן. ער
האט מיר געוויזן זיינע פאטאגראפיעס. איז ער געווען א קראסאוויץ אין
זיין יוגנט! נאר ראוויטש האט געקענט מיט אים קאנקורירן. בילדער פון
"יונג ווילנע", די לערערין מירע, יוגנטבילדער פון מאנגערן, פון
גראדען, לייוויקן, פון שאגאלן, פון קאטשערגינסקין, סוצקעווער און
שלום אש, מיט אורי צבי גרינבערג, מיט שזר, מיט עגנון, מיט דוד
פינסקי, מיט לייעלעס, מיט גלאטשטיין, מיט י.ד. בערקאוויטש, מיט
זרובבל, מיט אבא קאוונער, מיט יצחק צוקערמאן. און דערנאך די בריוו.
ער האט מיר געוויזן נאר איין קעסטל מיט בריוו--פון סאוועטיש ייִדישע
שרייבערס. אן אפגעריסן שטיקל פאפיר--א נאטיץ וואס מארקיש האט איבער-
געלאזן ביי אים אין דער היים. דוד האפשטיין באגריסט אים צום געבורט
פון זיין טאכטער: דאס געבורט פון א ייִדיש קינד איז א נאציאנאלער
יום-טוב. איך האב געשריבן וועגן דעם א ~~בבב~~ ליד וואס איך וועל דרוקן
(דאס ליד האט מען קיין מאל ניט געדרוקט ווייל ער איז געווען צו
ייִדיש-נאציאנאליסטיש). בערגלסאן: דו טוסט א וויכטיקע קולטור-ארבעט,
סוצקעווער. דו ביסט אפשר דער איינציקער אין אונדזער צייט וואס האט
זיך גלייך גענומען צו ווידעראויפבוי. מארקיש: איך שרייב דיר איצט
קיין ווילנע. איך קען אויף די הייליקע חורבות ניט קומען. ס'איז א
חלול השם. מיר וועלן שוין אייביק לייענען וועגן אט דעם חורבן אונדזער
דאס איז אונדזער גורל. סוצקעווערס פארצייכענונגען ביים נירעמערגער-
פראצעס. שטרייכער זעט אויס ווי א גרינע זשאבע. א צענזורירטער בריוו
פון קאוונער צו סוצקעווערן. א ניט-געדרוקט ליד פון באריס פאסטערנאק:
"ווינטערדיקע יום-טובים"--א מתנה סוצקעווערן. לאזונגען וועגן סוצ-
קעווערס רעפעראטן וועגן דעם חורבן--אין מאסקווע. איהרענבערג באקומט
פאר אים פאפירן צו קענען בלייבן אין רוסלאנד. בילדער פון חורבות.
חורבות. די טראגעדיע פון אונדזער פאלק אין א שטיקל פאפיר, אין א
צעשעדיקטער פאטאגראפיע.

מיר זיינען אפגעזעסן א גאנצן נאך מיטאג. גערעדט. זיך געוויצלט.
ארומגערעדט זיינע פלענער און מיינע פלענער. און ביים צושיידן זיך
האב איך ניט-ווילנדיק אויסגערופן: "ס'איז מיר אזוי גוט דא!". איך
האב געפילט ווי דאס הארץ ווערט פארפלייצט מיט ליבע צו אים, צו זיין
היים און צו אלץ וואס ער רעפרעזענטירט, ווייל סוצקעווער איז דאס
בעסטע וואס אונדזער פאלק פארמאגט ~~[illegible]~~. איך בין אוועק פון זיין
הויז מיט א געפיל פון נאציאנאלער אויפוועקונג אזוי ווי איך וואלט
פלוצלונג דערפירט אז דאס פינטעלע ייִד אין מיר איז גאר אן אויסרוף-
צייכן (!). איך בין פאקטיש געווארן אזוי אפהענגיק אן ייִדן און אן
ייִדישקייט אז איך קען ניט לעבן אן דעם. איך מיין דאס ערנסט. האב איך
איינגעזען, אז אויב איך וויל הנאה האבן פונעם יאר, מוז איך שאפן פאר
זיך אן אייגענע סביבה. נו, געזאגט און געטאן.

ווייל אין ישראל קען מען אלץ געפינען. א מיידל אין מיין קלאס.
דער לערער פרעגט דעם טייטש פונעם ווארט "כביכל". עטלעכע ווייסן.
און וואס מיינט עס אויף ייִדיש? בלויז צוויי ווייסן: איך און זי. ווער
איז זי? אן ארגענטינער מיידל וואס איז לעצטנס עולה געווען קיין
ישראל. גראדויִרט די ייִדישע שולן. קען די גאנצע "יוגנטרוף"-גרופע
דארט. לערנט זיך אויף ייִדישער ליטעראטור. גייט פארביי א בחור. זאגט
זי מיר: ער רעדט אויך ייִדיש. ווער איז ער? משה גאלדפארב פון נאר-
וועגיע, דער וואס אונדז געשריבן א בריוו מיט צוויי יאר צוריק.
אבער נעכטן אין אוונט האב איך געפונען דעם אמתן עוצר. געווען ביי
לייב ראכמאן אין דער היים. קומט מען אריין זיינען אלע ווענט און טירן
באדעקט מיט אירע צייכענונגען: פיגורן, מלאכים, זקנים, טייבעלעך. זי
איז 15 יאר אלט. פאר א יארן האט זי ארויסגעגעבן א בוך פון אירע
העברעיִשע לידער. און מיט אלע גליקן איז זי א פארברענטע ייִדישיסטקע!
אן איידעלע מיידל. די עלטערן נעמען זיך ניט איבער מיט אירע פעיִקייטן.
און איך זאג דיר, אז אויב אזא מיידל וואלט זיך פאראינטערעסירט אין
מיר, וואלט איך דא פארבליבן.

געווען אויף א פעסטיוואל פון יידישן פאלקלאר. שטעל זיך פאר אזא סצענע: דאס ארט איז קיסריה, די אוראלטע רוימישע פעסטונג וואס הורדוס האט אויסגעבויט מיט 2000 יאר צוריק. כמעט די גאנצע פעסטונג מיטן פארט שטייען אויפן ארט. מע זיצט אין הורדוסעס אמפיטעאטער וווּ גלאדיאטארן פלעגן קעמפן מיט חיות. פאר די אויגן שטרעקט זיך דער מיטלענדישער ים. די זון גייט אונטער (בעסער געזאגט: פאלט אונטער). דריי טויזנט יידן זיצן אין עולם, אויף שטיינער אויסגעקריצט פונעם בארג. א דריטל פון זיי זיינען יוגנטלעכע פון קיבוצים אאז"וו. און מע הערט יידישע לידער און יידישע פארלעזונגען--און אוונט אויפן העכסטן קינסטלערישן ניוואָ. נו, וואלט אזא זאך מעגלעך געווען ערגעץ אנדערש?

מיין לעצטער בריוו איז געווען א ביסל א צינישער. דער בריוו איז א באגייסטערטער. דעריבער זאלסטו ניט מיינען אז דיווירקלעכקייט האט זיך אין מיטן דערינען געענדערט. ווייל די ווירקלעכקייט בלייבט די זעלבע ווי פריער: א נעגאציע פונעם גלות און פון זיינע ווערטן. אבער מע קען דא געפינען א סביבה, אויב מע ווייסט ווו זי אויסצוזוכן.

EXPÉDITEUR—SENDER—השולח
דוד-הירש ראסקעס
שכון הספורטנים 4/715
קרית יובל, ירושלים
Israel

Abraham I...elfeld
c/o Schaechter
3328 Bainbridge Ave
Bronx, N.Y. 10467

6413 TRANS ISLAND
MONTREAL, QUE.
CANADA

איגרת אויר
AEROGRAMME
דואר אוויר
PAR AVION

Un aérogramme contenant un objet quelconque sera envoyé au tarif d'une lettre-avion.
Air aerogramme containing any enclosure will be sent at airmail-letter rate.

זיי אזוי גוט, אויב דו קענסט מיר ניט שיקן קיין בריוו, איז שיק מיר כאטש א פעקל יוגנטרופס. 5 פונעם 9טן. 10 פונעם 8טן און 5 פונעם 7טן און 15 קנעפלעך. איך דארף זיי נייטיק האבן. און א בריוו פון דיר אויך. עס קומט מיר.

דער פארלאג "דער קוואל" האט ארויסגעגעבן א באנד לידער מאנגערס. ביז איצט ניט געדרוקטע. לידער, לידער זיינען אריינגעפאלן אן א שיר דרוקפעלערן און מען קען דאס בוך ניט אריינעמען אין האנט. אבער ס'איז פארט מאנגער. אויב דו געפינסט דאס בוך, דערצייל מיר וועגן אים. און משה-לייב. באקום פאר מיר משה-לייב. וועל איך פאר דיר באקומען.....

עס לעבט זיך גוט דא. איך ארבעט ניט צו שווער. איך האב צייט ארומצופארן און טרעפן מענשטן. די אמעריקאנער זיינען גארניט אינטערעסאנט און די מיידלעך ווילן נאר שלאפן מיט סאבראס. אבער אויב מען געפינט אן אמת יידיש מיידל, קען מען ווארטן אפילו ביז נאך דער חתונה.

דיין
דוד-הירש